ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 35

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי כאפ איך זיך צוריק צום אייבערשטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין זיך מודה ומתוודה, איך בין ליידער אריינגעפאלן אין שלעכטע זאכן דורכ'ן אינטערנעט, ליידער בין איך שוין דורך א שווערע דעפרעסיע, און יעצט זוך איך א וועג צוריק צום אייבערשטן, איך וויל ווערן ערליך. ווי אזוי מאכט מען דאס?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת במדבר, כ"ז אייר, שנת תשפ"א
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס ערשטע דארפסטו וויסן און געדענקען דאס וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קיב): **"אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן"**. אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס גלייב אז דו קענסט פאררעכטן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא לח:): **"בא לטמא פותחין לו"**, ווען איינער וויל זינדיגן עפנט מען אים אויף א טיר; בפשטות זעט אויס אז מען עפנט אים א טיר ער זאל קענען גיין זינדיגן, דער רבי איז אבער מגלה גאר אן אנדערע פשט, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ט): **"בא לטמא"**, איינער וואס איז נעבעך אראפגעפאלן, **"פותחין לו"**, עפנט מען אים א טיר, מען העלפט אים ער זאל קענען צוריק קומען; פון הימל האט מען רחמנות אויף אים, מען ווארט ער זאל צוריק קומען צום אייבערשטן.

**רויבערס האבן דיר פארכאפט**

אז דו ביסט אזוי ווייט אראפגעפאלן, דו ליגסט נעבעך אין די טומאה, זאלסטו זען ווי שנעלער אנטלויפן פון דארט. שטעל זיך פאר עס קומען רויבערס און מען כאפט דיר, מען טראגט דיר אוועק אין א פינסטערע ארט, וואס וואלסטו געטון, וואלסט געבליבן דארט? וואלסט געזאגט 'וואס קען איך טון, מען האט מיר געפאנגען?' אדער דו וואלסט אלעס געטון ארויס צו גיין פון דארט?

**מען דארף סך הכל נאר עפענען דאס מויל**

אזוי זאלסטו טון, זיי זיך נישט מייאש, זאג נישט 'איך בין שוין פארפאלן, איך בין אראפגעפאלן אין טומאה'; הייב זיך אויף, אנטלויף פון דארט ווי פריער, קום צוריק צום אייבערשטן. די איינציגסטע חילוק איז, ווען רויבערס פאנגען איינעם דארף מען זוכן א וועג ארויס צו לויפן, אבער ווען מען פאלט אין די טומאה דארף מען סך הכל נאר עפענען דאס מויל און זאגן: **"הייליגער באשעפער העלף מיר, נעם מיר ארויס פון די טומאה, איך וויל תשובה טון, איך וויל זיין אן ערליכער איד"**. אזוי זאלסטו טון, זאג אפאר ווערטער צום אייבערשטן, זאג אים די ווערטער: **"רבונו של עולם, איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, איך גיי מער נישט טון די שלעכטע זאכן, איך גיי שוין זיין גוט; העלף מיר איך זאל זיך קענען שטארקן אויפ'ן יצר הרע"**; אזעלכע ווערטער זאלסטו זאגן, וועסטו זען ווי עס וועט זיך ביי דיר אלעס טוישן, דו וועסט ווערן א נייער מענטש.

ווארף אוועק די כלים; אז מען וויל תשובה טון מוז מען אוועק ווארפן די זאכן, אז נישט איז דאס אזוי ווי א טמא'נער מענטש גייט אין מקוה און האלט אן א טויטע שרץ, אויף דעם זאגן די הייליגע חכמים (תענית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אפילו ער וועט זיך טובל'ן אין אלע וואסערן פון די וועלט וועט ער בלייבן טמא.

אויך זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין משניות, משניות רייניגט דעם מענטש; משניות נעמט אראפ אלע ראסט וואס קלעבט זיך אן פון עבירות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס איז אזוי שלעכט מיט דראגס?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*צום ערשט דארף איך זיך באדאנקען פאר אייערע שיעורים, מיין גאנצע אידישקייט האלט זיך נאר אין אייער זכות. איך הער אלע שיעורים, און אויך מיינע חברים הערן די שיעורים, און מיר זענען זיך זייער מחזק מיט דעם.*

*איך האב געהערט אויף אייערע שיעורים אז איר רעדט זייער שטארק קעגן דראגס. מיין מצב איז אז איך בין זייער פארקויפט פאר דעם, איך רייכער מאריכוואנא, און ס'איז טאקע אמת אז דאס קאסט מיר אסאך געלט, אבער למעשה איז מיר דאס זייער גוט, איך זע נישט קיין סיבה פארוואס איך זאל וועלן זיך אפלאזן פון דעם.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בשלח, ח' שבט, שנת תשע"ט
לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר

## ווען דו וואלסט אנגענומען די התחזקות פון רבי'ן, וואלסטו נישט געלאפן צו דעם

דיין בריוו איז איין שטיק סתירה, קודם באדאנקסטו זיך אז דו ביסט זיך מחזק מיט די דיבורים פון הייליגן רבי'ן אבער פון די צווייטע חלק זע איך נישט אז דו ביסט זיך מחזק מיט די דיבורים פון הייליגן רבי'ן; פון דעם אז דו לויפסט זיך פאר'סמ'ען מיט דראגס רחמנא לצלן זע איך אז דו נעמסט נישט דעם רבינ'ס ווערטער פאר התחזקות, ווייל ווען דו וואלסט טאקע אנגענומען די התחזקות פון רבי'ן וואלסטו נישט געלאפן צו דעם, השם ירחם.

### די סוף איז ביטער

איך בעט דיר זייער, האב רחמנות אויף דיר און אויף דיינע קינדער; אנטלויף פון דראגס וואס איז סם המות. קוק וואס שלמה המלך זאגט (משלי טז, כה): "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ, וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת", עס זענען דא זאכן וואס זעט אויס פאר'ן מענטש ווי א גלייכע זאך אבער דער סוף פון דעם איז טויט; דאס איז ממש וואס פאסירט ביים נעמען דראגס, עס זעט אויס אין אנהייב ווי א געשמאקע זאך, עס קען זיך דאכטן אז עס מאכט פרייליך אבער דער סוף איז אז מען פארלירט אלעס.

נאך זאגט שלמה המלך - דער חכם מכל אדם (משלי כג לא-לה): "אַל תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם", גיי נישט נאך רויטע פיינע ווין וואס זעט אויס געשמאק, "כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ", ווייל ווען מען הייבט אן טרינקן ווין, "יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים", ווערן אלע וועגן גלייך; אלע עבירות זען אויס ווי גלייכע וועגן. "אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ", דער סוף פונעם שיכור איז ווי מען כאפט א ביס פון א שלאנג, "וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ", אדער א ביס פון א גיפטיגע שלאנג וואס שטעכט מיט גיפט, "עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת", דער שיכור הייבט אן קוקן אויף פרעמדע פרויען רחמנא לצלן, "וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת", און מען הייבט אן רעדן פארקערטע זאכן. דאס זעלבע איז מיט דראגס, מען פארלירט אלע הרגשים און מען פארלירט אינגאנצען דעם מח. "וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב יָם", דער שיכור, און אזוי אויך דער מענטש וואס נעמט דראגס - שפירט זיך ווי א מענטש וואס ליגט אויפן וואסער, "וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל", און אזוי ווי דער וואס ליגט אויפן שיף וואס שאקלט זיך. און ווען דער שיכור ניכטערט זיך אויס, זאגט ער "הִכּוּנִי בַל חָלִיתִי", מען האט מיר טאקע געשלאגן אבער עס טוט נישט וויי, "הֲלָמוּנִי בַּל יָדָעְתִּי", מען האט מיר אנגעקלאפט אבער איך האב עס נישט געשפירט. "מָתַי אָקִיץ אוֹסִיף אֲבַקְשֶׁנּוּ עוֹד", ער פרעגט: "ווען וועל איך שוין אויפשטיין און גיין טרינקען נאך ווין?"

עס איז כדאי דו זאלסט זיך מאכן א שיעור אין ספר משלי; ספר משלי האט אין זיך איין און דרייסיג פרקים, אז דו וועסט לערנען יעדן טאג א פרק וועסטו עס מסיים זיין יעדן חודש. נאכן לערנען ספר משלי וועסטו שוין נישט פרעגן אזא נארישע קשיא: 'וואס איז שלעכט מיט דראגס?' ווייל דו וועסט זען די סוף פונעם מענטש וואס געוואוינט זיך צו צו שלעכטע געוואוינהייטן.

ענדערש טרינק זיך אן מיט אונגארישע ווין, די יין המשומר פון הייליגן רבי'ן; דאס מאכט פרייליך דעם מענטש און עס נעמט אוועק פון אים אלע צער און עגמת נפש. איינמאל דער מענטש איז טועם פון רבינ'ס ווערטער קען מען אים שוין נישט אפנארן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רס): **"ווער עס האט געטרינקען אונגארישע ווין, דעם קען מען שוין נישט פארנארן"**.

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף דיר זאלסט באקומען שכל און אויפהערן נעמען סם.

## מיין איך עס טאקע אמת'דיג אז איך וויל זיין אן ערליכער איד?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*
*אסאך מאל ווען איך זאג פאר'ן אייבערשטן, "איך וויל זיין ערליך", טראכט איך, 'ווער זאגט אז איך וויל טאקע זיין ערליך? אפשר זאג איך עס נאר וויל עס איז די סטייל צו זאגן, נאר ווייל איך הער עס ביי די שיעורים?' איך טראכט אז איך זאל זיך נישט מאכן אזוי פרום, ס'איז סתם נאריש און קינדעריש.*
*וואס איז די ריכטיגע וועג צו טראכטן וועגן דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויגש, ב' טבת, זאת חנוכה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### דאס איז וואס דו ווילסט טאקע

דו זאג ווייטער פאר'ן אייבערשטן אז דו ווילסט זיין גוט, ווייל דאס ווילסטו טאקע, און יעדער איד וויל זיין גוט, נאר דער יצר הרע פארדרייט אזוי און פארטומלט אזוי דעם מענטש - אז דער מענטש ווייסט שוין אליינס נישט וואס ער וויל; מען מיינט מען וויל עפעס אנדערש, אבער באמת וויל דער איד איין זאך, זיין ערליך און טון דעם רצון הבורא.

### די מויל ווערט פארמאכט און פארקלעבט

יעצט אז דו האסט אנגעהויבן גיין אין די וועג פון רבי'ן, דו האסט גענומען די עצה פון התבודדות ותפילה - זאלסטו זיך נישט לאזן פארדרייען דעם קאפ פונעם שטן און אפלאזן חס ושלום די הייליגע הנהגה. דער שטן ציטערט פון איין זאך, ער האט מורא אז דער מענטש וועט אנהויבן רעדן צום אייבערשטן, דעמאלט ווערט ער אויס, ווען דער איד קומט צום אייבערשטן און זאגט: **"רבונו של עולם, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין גוט; וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ אין עבירות, איך האב נאכאמאל פוגם געווען, העלף מיר אייבערשטער, געב מיר כח איך זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף די נסיונות"**; ווען דער מענטש רעדט אפאר אמת'ע ווערטער צום אייבערשטן - ווערן אפגעמעקט אלע עבירות, אלע קליפות ומשחיתים. דעריבער איז די עבודה פון רעדן צום אייבערשטן, פון איין זייט איז דאס די עכסטע זאך, און דעריבער איז דאס די שווערסטע זאך; דער סמ"ך מ"ם פארמאכט און פארקלעבט די מויל מען זאל נישט קענען רעדן די פאָר ווערטער.

עס איז אמת וואס דו טראכסט אז דו זאגסט די ווערטער ווייל דו הערסט דאס ביי די שיעורים, זייער גוט; זאלסט ווייטער צו הערן די שיעורים פון ישיבה - וועסטו דיין גאנץ לעבן זיך ציען צום אייבערשטן, דו וועסט וועלן זיין גוט און ערליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי שטארק איך זיך איבערצובעטן ווען איך האב געטשעפעט?**
**אויב אלעס טוט נאר דער אייבערשטער, ווי אזוי קענען מיר זיך בכלל באהיטן?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגע גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218 אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com - קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066